


# פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת ויקהל–פקודי, כ״ו אדר תשס״ז
גליון 3, מספר 19

## פרשת ויקהל–פקודי




**ראש חודש ניסן—יום הקמת המשכן**

אין דעם טאג פון ראש חודש ניסן איז אויפגעשטעלט געווארן דער משכן צום ערשטן מאל, ווי עס שטייט: ״בחודש הראשון גו׳ באחד לחודש (ניסן) הוקם המשכן״.

דאס אויפשטעלן דעם משכן האט אויך א פארבונד מיט די צוגרייטונגען צום חג הפסח, דער יום טוב פון יציאת מצרים. ווייל איינע פון די זאכן וואס אידן האבן צוגעגרייט נאך זייענדיק אין מצרים, איז געווען - בויען דעם משכן.

ווי רש״י ברענגט אראפ אויפן פסוק, ״ועשית את הקרשים גו׳״, אז דער טעם פארוואס עס שטייט ״הקרשים״ מיט א ה״א הידיעה - די באוואוסטע קרשים - איז דערפאר וואס די קרשים זיינען געווען ״מאותן העומדין ומיוחדין לכך״ (די ספעציעלע קרשים וועלכע זיינען געווען צוגעגרייט דערצו). יעקב אבינו האט איינגעפלאנצט ״ארזים״, טענענביימער אין מצרים, און ווען ער איז געשטארבן, האט ער אנגעזאגט זיינע קינדער אז ווען זיי גייען ארויס פון מצרים זאלן זיי מיטנעמען אט די ארזים - ביימער. ער האט זיי אויך געזאגט אז דער אויבערשטער וועט זיי באפעלן צו בויען א משכן אין מדבר פון ״עצי שטים״ - ״זעט אז זיי זאלן זיין אנגעגרייט אין אייערע הענט״.

וויבאלד אז די קינדער האבן זיך באטייליקט אין אלע זאכן פארבונדן מיטן אויבערשטן נאך זייענדיק אין מצרים, ביז, ווי די חז״ל זאגן ״הם הכירוהו תחילה״ (די אידישע קינדער האבן דערקענט דעם אויבערשטן פריער, נאך פאר אלע ערוואקסענע) - איז פארשטאנדיק, אז אויך אין דער צוגרייטונג צום משכן וועלכע איז נאך געווען אין מצרים, האבן די קינדער גענומען איינטייל, א ווארעמען איינטייל, און א לעבעדיקן איינטייל.

ענלעך צו וואס מיר געפינען בפירוש, אז בשעת מ׳האט געבראכט די נדבות אויף בויען דעם משכן, דערציילן אונזערע חכמים, אז אויך די קינדער וואס זיינען געווען פאר בר–מצוה און פאר בת–מצוה האבן זיך באטייליקט אין דעם....

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאנצער משפחה, איז אין אן אופן אז זיי מאכן פון זייער הויז א משכן, אז אויף דער הויז זאגט דער אויבערשטער ״ושכנתי בתוכם״ - ווערט דאס די צוגרייטונג צו ״וכן תעשו״ - די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער - ראש חודש ניסן תש״מ)*

לעילוי נשמת
אאמו״ר הרה״ח התמים ר׳ דובער
בן הרה״ח ר׳ נפתלי שו״ב ע״ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס״ה

נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו

*טייערע קינדער שלוחים שיחיו*

*וואס קען זיין בעסער ווי גיין פון די גאולה פון פורים 13 די גאולה פון פסח? אונזער אידישע לוח ברענגט אונז אלעמאל פון איין גאולה 13 א צווייטער! דעם שבת בענטשט מען די נייע חודש פון חודש ניסן – די חודש הגאולה!*

*פון די ערשטע טאג פון חודש לייענט מען יעדן טאג נאכ׳ן דאווענען די קרבנות פון די נשיאים – דאס וואס די נשיאים האבן געבראכט ווען די משכן איז ערשט אויפגעבויט געווארן.*

*יעדן טאג ווען מען זאגט די קרבנות, און מען בעט ביים אויבערשטן אונז שיקן אלע ברכות וואס זיינען פארבונדן דערמיט, ברענגן מיר נאך נענטער די צייט ווען מיר וועלן ברענגן קרבנות אין די בית המקדש השלישי! –א. וועכטער*




## כ"ז אדר א' תשנ"ב

*מאנטאג, כ"ז אדר א'.*



דער רבי איז ווי יעדן מאנטאג אין יענע יארן, געפארן אויפ'ן אוהל פון דעם פריערדיקען רבי'ן. אלץ איז געווען ווי געוויינליך. אין די לעצטע וואכן האט זיך דער רבי זייער געקאכט אין די אחריות וואס יעדער איינער האט צו ברענגען די גאולה. עס איז געווען חודש אדר און דאס חיות האט מען געקענט אנטאפן מיט די הענט. כמעט יעדער נאכט אין דעם חודש האט דער רבי געזאגט א שיחה נאך מעריב.

פלוצלונג האט מען געהערט די שמועה איבער דער גאנצער וועלט. **דער רבי איז געפאלן אין אהל!** עס האט ניט גענומען לאנג ביז מען האט געהערט אז דער רבי האט געהאט א "סטראק"!

קיינער האט ניט געוואלט גלויבן. חסידים האבן געטראכט, "דער רבי מוז זיין געזונט און שטארק! וואס וועלן חסידים טאן?" די פרייליכע טעג פון אדר האבן זיך געביטן צו שווארצע, שווערע טעג.

חסידים זיינען געווען זיכער אז אט אט, יעדן טאג, וועט דער רבי ווערן צוריק געזונט און אונז פירן ווי פריער, אבער ליידער האט דער אויבערשטער באשלאסן אנדעריש.

יעדן טאג ווארטן מיר חסידים מיט שטארקע אמונה אויף די טעג ווען דעם רבי'נס ווערטער וועגן דער נאענטער גאולה וועלן מקויים ווערן בפועל ממש און מיר וועלן זיך צוריק זען מיט דעם רבי'ן.

*וואס דארפען חסידים, און בעיקר די טייערע שלוחים, טאן אין אזא טאג?* דער רבי האט געזאגט א שיחה ג' שבט תשנ"ב. אין יענע שיחה האט דער רבי גערעדט וועגן דעם פריערדיקען רבי'ן, אז נאך דעם ווי ער האט געהאט געזונט פראבלעמען אין ריידען און ניט געקענט זאגן חסידות ווי פריער, דארפן חסידים זיין אט די וואס דארפן אויספילן דאס וואס עס פעלט מצד דעם. די חסידים מוזן ווייטער שפרייטן חסידות ווי דער רבי האט עס אלעמאל געטאן אין א גשמיות'דיקן אופן. דער רבי האט איבערגעגעבן צו חסידים דעם זכות און אחריות צו טאן זיין הייליגע ארבעט.

און דוקא אזא טאג, אין וועלכען דער אויבערשטער האט פארהאלטן דעם רבי'נס גשמיות'דיקןריידן פון חסידות, מוז זיין א טאג ווען חסידים שטארקן זיך נאך מער אין דעם רבי'נס הייליקער ארבעט פון הפצת המעינות, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו "והיו עיניך רואות את מוריך" -מיר וועלן נאכאמאל זען אונזער רבי'ן אין דער גאולה האמיתית והשלימה, נאו ממש!




דעם שבת, דער שבת פאר ראש חדש ניסן, לייענט מען אין שוהל פרשת "החודש". "החודש" רעדט וועגן דער אויבערשטער'ס באפעל צו משה רבינו וועגן דער מצוה פון קידוש החודש- די וועג ווי אידן-בית דין- דארפן אפמאכן ווען דער חודש הויבט זיך אן. דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משח רבינו אז חודש ניסן זאל זיין דעם ערשטן חודש אין אונזער לוח. מיר ליינען אויך ווי דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משה רבינו וועגן די מצוה פון קרבן פסח. ווען מיר ליינען דאס, לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז מיר זאלן שוין ברענגען דעם קרבן פסח דעם יאר אין ירושלים!!




### ויקהל

עס שטייט אין פרשת ויקהל "זעקס טעג זאל מען ארבעטן און די זיבעטע טאג איז שבת - א הייליקע טאג פארן אויבערשטן." די זעקס טעג פון די וואך זיינען א רמז צו די זעקס טויזנט יאר וואס אידן זיינען אין גלות, און די זיבעטער טאג איז די צייט פון גאולה! דאס לערנט אונז אז אונזערע מעשים טובים אין צייט פון די זעקס טעג - פון די גלות, ברענגט צו די גרויסע גילויים פון די זיבעטע טאג - משיח!

### פקודי

אין פרשת פקודי שטייט " אלה פקודי המשכן.." די ווארט משכן איז אויך מלשון משכון - עפעס וואס מען נעמט אויף א קורצע ווילע זיכער מאכן אז איינער וועט צוריק באצאלן זיין חוב.

ווען דער אויבערשטער האט אוועקגענומען דעם משכן - און דערנאך די צוויי בתי מקדש, דאס איז ניט געווען ח"ו אויף אייביק. דאס איז נאר געווען א צייט-ווייליקע זאך, און דער אויבערשטער וועט אונז צוריקבויען דעם בית המקדש - וואס וועט זיין נאך שענער און גרעסער ווי פריער!

# דערציילט מיר א מעשה

דער רבי מורנו הרש״ב איז אמאל געפארן צו פעטערבארג אויפ'ן באן. ווען ער איז אנגעקומען, האט ער גענומען זיינע פעקלאך, אבער איין פעקל האט געפעלט. זיינע באהעלפערס האבן געזוכט איבעראל, אבער זיי האבן ניט געקענט געפונען די פעקל וואס האט אין זיך געהאלטן א פאר וויכטיקע ספרים.

א פאר טעג שפעטער איז א חסיד מיטן נאמען ר' אברהם אלי' גוראריי, געקומען צום רבי'ן. דער יונגערמאן האט ערשט חתונה געהאט, און האט אריינגעלייגט אסאך געלט אין א ביזנעס וואס האט ניט מצליח געווען. ער איז יעצט געקומען צום רבי'ן בעטן א ברכה און פרעגן אן עצה וואס צו טאן מיט די טויזנט רובל וואס איז ביי אים געבליבן.

גלייך ווי ער איז אריינגעקומען אין צימער, האט אים דער רבי רש״ב געזאגט, ״אה! ר' אברהם אלי' וועט מיר צוריקברענגען מיין פעקל!״ און ער האט אים געגעבן די פאפיר וואס באווייזט אז די פעקל באלאנגט צום רבי'ן.

ר' אברהם אלי' האט זיך גלייך ארומגעדרייט, און איז ארויס פון רבי'נס צימער צו זוכן די פעקל.

ווען ער איז אנגעקומען אין די סטיישאן, איז ער געשטאנען אויף א זייט און ער האט אנגעהויבן רייכערן. א גוי איז געשטאנען אויפן זייט, און האט אים אנגעקוקט.

ר' אברהם אלי' האט געפרעגט דעם גוי, ״ווילסטו אויך רייכערן?״ און ער האט אים געגעבן א ציגארעט.

נאך א פאר מינוט, האט דער מענטש אים געפרעגט, ״וואס טוסטו דא אזוי שפעט ביינאכט?״

ר' אברהם האט געענטפערט, ״ איך בין געקומען דא צו געפונען א פעקל וואס באלאנגט צו ר' שניאורסאהן.״

״דו האסט אמת'ע מזל! איך בין דער וואס האנדלט מיט די זאכן. איך וועל זוכן דיין פעקל.״ נאך א צייט האט ער געפונען די פעקל, און ר' אברהם איז צופרידענערהייט צוריקגעגאנגען צום רבי'ן רש״ב.

דער רבי איז געווען זייער צופרידן, און האט אים געפרעגט, ״יעצט וואס קען איך טאן פאר דיר?״

ר' אברהם אלי' האט אויסגעגאסן זיין הארץ צום רבי'ן. ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט געהאט צען טויזנט רובל, און האט יעצט נאר איין טויזנט, און ער ווייסט ניט וואס צו טאן דערמיט.

דער רבי האט אים געזאגט, ״גיי צו די שטאט קוריץ, און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן. נאר מאך זיכער מיטצוברענגען עסן פארן וועג.״

ר' אברהם איז צוריקגעפארן צו זיין ווייב, און האט איר געזאגט וואס דער רבי האט געזאגט. זיין ווייב האט אים געקאכט און געבאקן אסאך עסן, וואס ער האט מיטגעבראכט אויפן וועג.

ר' אברהם איז אנגעקומען אין קוריץ אין א הייסע טאג. ער איז געגאנגען צום וואסער זיך אפקילן. דערנאך איז ער געזעצן און האט געגעסן די עסן וואס זיין ווייב האט געשיקט.

ר' אברהם אלי' האט געזען א איד וואס זיצט לעבן אים, און ער האט אים געגעבן פון זיין עסן. זיי האבן אנגעהויבן רעדן, און ר' אברהם האט אים דערציילט זיין גאנצע מעשה.

״איך וועל דיר העלפן״, האט דער איד געזאגט, ״קום צוריק מארגן צו די זעלבע פלאץ און איך וועל מיטברענגען מיין פריינט, וואס ער וועט דיר קענען העלפן. אבער, מאך זיכער מיטצוברענגען דיין עסן! עס איז אזוי געשמאק!״

דער נעקסטע טאג האט ר' אברהם אלי' זיך געטראפן מיט דער איד און זיין פריינט. די פריינט האט פארקויפט ציגארעט פאפירן, און ער האט פארקויפט א ריזיקן פעקל צו ר' אברהם אלי' אויף א טויזנט רובל.

״איך בין זיכער דו ווערסט דאס קענען פארקויפן פאר אסאך געלט,״ האט ער אים געזאגט.

ר' אברהם אלי' איז גלייך געפארן צום שטאט קרעמענטשוג צו פארקויפן די ציגארעט פאפירן. ער איז געגאנגען צו איין פארבריק און האט געזאגט,

״איך וועל דיר דאס פארקויפן פאר צען טויזנט רובל!״

״צען טויזנט רובל?! דאס איז ניט ווערד אזוי פיל געלט!״

אבער ר' אברהם אלי' האט זיך ניט געבייגט. דער צווייטער מענטש האט עס ניט געוואלט קויפן אויף אזוי פיל געלט, אבער ווען ער האט אויסגעפונען אז עס איז שוין ניטא צו געפונען אין די גאנצע שטאט, האט ער דאס געקויפט פון ר' אברהם אלי'.

ר' אברהם אלי' איז גלייך צוריקגעפאן צום רבי'ן רש״ב און האט אים געפרעגט וואס צו טאן ווייטער.

# שבת מברכים
## ראש חודש

### דעם שבת איז שבת מברכים חודש ניסן

- ☐ איך האב געזאגט תהילים אינדערפרי (געדענק צו זאגן די מאס תהילים פאר די תהילים קלאב)
- ☐ איך בין געגאנגען אין שול, און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.
- ☐ איך האב געהערט ווי זיי האבן געליינט פרשת החודש

### ראש חודש ניסן איז דינסטאג—א' ניסן

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- ☐ מיידלאך – איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויקהל–פקודי

**פאַקס צוריק די פּאַפּיר צום שלוחים'ס אופיס פאַר מיטוואָך,**
**און דו קענסט געווינען א פּרייז! (718-221-0985)**

ציי א ליניע פון דער נאָמען פון די כלים אין בית המקדש צו דעם פּלאַץ וואו זיי זיינען געשטאַנען.








| | | |
|---|---|---|
| קודש הקדשים | מנורה | |
| | כיור | |
| קודש | מזבח הזהב | |
| | מזבח הנחשת | |
| חצר | ארון | |
| | שולחן | |

## הצלחה רבה

נאָמען:______________________ ווי אלט:_____

אדרעס:______________________

______________________

אימייל:______________________

די געווינער פון פרשת כי תשא: __מענדל גרינבערג, 6__